

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' חקת
תשפ"ד לפ"ק
גליון ש"ט

## פראגע

### פארוואס זאגן מיר "שלום עליכם" איינער צום אנדערן ביי קידוש לבנה?

## ענטפער:

**איינס** פון די זאכן וואס מיר טוען ביי קידוש לבנה איז אז מיר זאגן צו דריי מענטשן "שלום עליכם" און זיי ענטפערן "עליכם שלום". יעצט, דער חלק פון די צערעמאניע זעט אויס מאדנע, ווייל די מענטשן זענען נישט יעצט אנגעקומען. זיי זענען נישט פרעמדע. דו ביזט געזעסן צוזאמען מיט זיי דעם גאנצן שבת. יעצט איז נאך שבת און דו זאגסט "שלום עליכם" ווי גלייך זיי זענען געסט וועלכע זענען נארוואס אנגעקומען פון דערווייטנס?

און דער ענטפער איז: דו ווילסט אז **א בית דין פון דריי אידן זאלן דיר בענטשן**. דריי אידן זאלן דיר געבן א ברכה פאר'ן נייעם חודש. דאס איז וואס ס'איז.

ראש חודש בעטן מיר פאר א נייעם חודש. נישט אזוי? מען זאגט "יעלה ויבוא" און מען בעט דעם אויבערשטן זאל אונז געבן א גוטן חודש. מיר בעטן פאר'ן בעפארשטייענדן חודש. און דערפאר זאגן מיר אויך ביי קידוש לבנה "שלום עליכם" צו דריי מענטשן און זיי ענטפערן "עליכם שלום"; דאס איז א וויכטיגער אנהייב צום נייעם חודש אויב דריי אידן געבן דיר א ברכה.

אין מסכת מגילה שטייט 'אמר ר' אלעזר, **אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך**' - א ברכה פון א פשוט'ן מענטש זאל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן. מען זאל אלעמאל זיין פרייליך צו באקומען א ברכה פון א צווייטן. און אפילו איר זענט זייער א גרויסער מענטש און דער וואס וואונטשט איז זייער א מינדערוויכטיגער מענטש, פון דעסט וועגן זאלט איר זיך פרייען צו דער ברכה. מאכט עס נישט אוועק! קוקט נישט אראפ דערויף. איר ווייסט גארנישט די השפעה פון אזא ברכה. עס קען ראטעווען אייער לעבן!

א מענטש איז אזוי גרויס אז מיר האבן נישט קיין השגה אין די טיפקייט און ערהאבנקייט פון א מענטש'נס ווערטער. דער באשעפער האט געגעבן פאר די מענטשהייט אזא אויסטערלישע מתנה פון גרויסקייט אז דיינע ווערטער זענען מאכטפול. זיינע ווערטער טוען אפקלינגען אויף אייביג! און דערפאר זאל די ברכה פון א פשוט'ן מענטש געהאלטן ווערן חשוב אין אייערע אויגן. דער אויבערשטער נעמט אין באטראכט די ווערטער פון א מענטש, ספעציעל די ווערטער פון א איד.

על אחת כמה וכמה אויב די דריי מענטשן פארשטייען דעם צוועק דערפון און זיי ווען צולייגן אביסל כונה אין די ווערטער, דאן איז עס נאך בעסער. אלזא זאלט איר טאקע צולייגן כונה צו אייערע ווערטער און נישט סתם זוכן יוצא צו זיין דעם מנהג פון רוטין. און דאן וועלן זיי אויך ענטפערן מיט כונה און זיי וועלן אריינלייגן אביסל הארץ אין דער ברכה.

איז דאס נישט קיין וואונדערבארער געדאנק? ווען איר זאגט 'שלום עליכם' מיינט עס 'עס זאל קומען פרידן אויף אייך דעם חודש'. עס מיינט אז דעם חודש זאלט איר מאכן אסאך געלט. דעם חודש זאל אייער ווייב מצליח זיין צו קאכן גוטע נאכטמאלן... דעם חודש זאל אייער שכן זיין פיין צו אייך. דעם חודש זאל דער וועטער זיין גוט. טראכט פון די אלע זאכן ווען איר זאגט 'שלום עליכם' און 'עליכם שלום'.

*

### אויב א מענטש האט נישט קיין דריי מענטשן צו זאגן 'שלום עליכם' און 'עליכם שלום', איז דא אפעס אן עצה אדער תפלה וואס מען קען טון זיך אליינס צו בענטשן?

**אודאי** העלפט תפילות. אבער אין צוגאב -

ווײבאלד פאר זיך אליינס בעט מען שוין סײ-ווי אגאנץ צייט. ראש חודש בעט מען 'יעלה ויבוא' און אנדערע תפילות. אפילו אין ברכת המזון בעט מען 'הרחמן הוא יחדש עלינו את החודש הזה לטובה ולברכה'. מען בעט אסאך תפילות אום ראש חודש פאר א גוטן חודש. אבער אין צוגאב זאלט איר נישט אראפרעכענען די השפעה פון דריי מענטשן וואס זאגן 'שלום עליכם'. פרובירט דאס אויך צו האבן. (#250)

## פראגע

**אינערהאלב די לעצטע קורצע צייט האבן מיר פארלוירן עטליכע גדולים. איר האט געזאגט אז ס'איז דא א חסד אין אלעס וואס דער באשעפער טוט. וואס איז דער חסד פאר אונז אויב מיר פארלירן אונזערע גדולים?**

## ענטפער:

**די** פראגע פארדינט אן ערנסטן ענטפער, וואס איך גיי פרובירן.

וואס איז דער חסד ווען גדולים ווערן אוועקגענומען פון אונז? נאך אלעם, יעדער תלמיד חכם וואס גייט אוועק פון דער וועלט איז ווי דער בית המקדש איז פארברענט געווארן.

די גמרא פרעגט א קשיא: פארוואס איז שמואל הנביא נפטר געווארן אין א געוויסער צייט. און דער ענטפער ווערט דארט געגעבן אז ער האט פארנומען דעם פלאץ וואס א צווייטער האט שוין געדארפט איבערנעמען. מיר דארפן פארשטיין אז דאס איז א געוואלדיגער יסוד אין היסטאריע.

מענטשן ווערן ארויסגענומען פון דער וועלט ווייל דער אויבערשטער וויל געבן א שאנס פאר א צווייטן. ווי די גמרא זאגט (מגילה כח.): '**הבאים אחריך בהמה ירעו**' – זאלן די וועלכע קומען נאך דיר בלייבן פאסטוכער וואס פאשען שאף? געב זיי אויך א שאנס צו ווערן פירערס!

מיר דארפן וויסן אז עס איז דא א נייע ענערגיע אין יונגע מענטשן וואס די אלטע האבן נישט. לאמיר זאגן, דא איז אן אלטער תלמיד חכם. איך האב קיינעם נישט אין געדאנק איז זייט מיר נישט חושד אויף קיין שום ספעציפישן פאל. עס איז דא אן אלטער רבי, אן אלטער ראש ישיבה. ווילאנג ער דרייט זיך דא איז ער דער בעל הבית. אבער ער איז שוין אלט יעצט. ער האט אויך פארצייטישע געדאנקען און דער גאנצער מצב פונעם מוסד שטייט אויף איין פלאץ. אודאי אלעס גייט אן. ס'איז געוואלדיג. ער איז א גרויסער רבי און א גרויסער צדיק. ער זאגט אויך וואונדערבארע שיעורים.

אבער ענדגילטיג איז די צייט געקומען און ער ווערט נפטר און עפעס א יונגערמאן נעמט איבער. און דער יונגערמאן האט נייע געדאנקען; ער האט, לאמיר זאגן, א געדאנק אז מען דארף פארשפרייטן תורה דורכ'ן עפענען ישיבות אין אנדערע שטעט – געדאנקען וואס דער אלטער רבי האט נישט געהאט – און יעצט ווערט ער פארנומען עס אויסצופירן.

דאס איז דער פלאן פון הקב"ה. מען דארף האבן נייע צייטן. מען דארף נייע מנהיגים. און דערפאר ווערן די אלטע אוועקגענומען.

קודם כל, זיי קענען סײ-ווי נישט לעבן אויף אייביג. אבער אפילו אויב זענען זיי אוועק פריצייטיג – אביסל פריער ווי זיי וואלטן ווען געדארפט, אזוי זעט עס אויס פאר אונז – איז עס פאר דער סיבה אז דער מענטש וועלכער שפאנט אין זיינע פיסטריט זאל טון עפעס וואס זיי האבן נישט געקענט טון.

דאס איז די סיבה פארוואס אלטע מענטשן דארפן פארלאזן די וועלט. דער אויבערשטער זאגט "דו ביזט שוין אלט. דו זיצט דא סתם ארום... דו פראדוצירסט שוין גארנישט. דו ביזט שוין פארגליווערט אין דיינע וועגן און דו לערנסט נישט קיין נייע זאכן. די גייסט נישט ארויס איינצונעמען נייע וועלטן. מיט וואס טוסטו בענעפיטירן די וועלט? און דערפאר דארפסטו מאכן פלאץ פאר א צווייטן."

און וועגן דעם אויב א מענטש קען זיין נוצבאר אין זיינע ניינציגער; אויב ער קען זיין **א מחדש** אפילו אין זיינע ניינציגער יארן; ער קען זיין **א פיאניר** אין זיינע ניינציגער, דעמאלטס זאגט דער אויבערשטער "איך דארף דיך נאך האבן. אודאי קענסטו נישט לעבן מער ווי הונדערט און צוואנציג אבער איך וועל פרובירן ווי נאנט דערצו איך קען... ווילאנג דו ביזט נוצבאר וועל איך דיר פרובירן צו האלטן דא." (#314)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעזעטצט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1.50 א וואך
מועדים $4.50

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com




# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

**קאסטום לויט אייער געשמאק**







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב